# פייער און עמערדזשענסי גרייטקייט בולעטין פאר ניו יארק סיטי אפּארטמענט געביידעס

## 2025-2026

© TM City of New York

די יערליכע בולעטין ווערט אנגעגרייט דורך די ניו יארק סיטי פייער דעפּארטמענט (New York City Fire Department, FDNY). אפּארטמענט געביידע אייגנטימער מוזן אויסטיילן די דאקומענט פאר איינוואוינער און איינגעשטעלטע. ביטע לייענט די אינפארמאציע צו העלפן האלטן אייך און אייערע באליבטע זיכער.



### אין די אויסגאבע

**באטעריע פייערן**
ליטיום-אייאָן באטעריעס קענען פאראורזאכן טויטליכע פייערן (בלעטער 1-2).

**פייער זיכערהייט אין אייער געביידע**
זייט באקאנט מיט די פייער זיכערהייט אנווייזונג ביכל און איינמעלדונגען פאר אייער געביידע (בלעטער 2-3).

**אקטיווע שיסער עמערדזשענסיס**
לערנט וואס ציווילע מענטשן זאלן טוהן (בלאט 4).

## זייט פארזיכטיג מיט ליטיום-אייאָן באטעריעס אין אייער היים!

ליטיום-אייאָן באטעריעס זענען ריטשאַרדזשעבעל באטעריעס. זיי געפונען זיך אין עלעקטרישע ביציקלעך און סקוטערס, קארן, לעפּטאַפּס, טאבלעטס, טעלעפאנען און טאג-טעגליכע שטוביגע אפאראטן.

ליטיום-אייאָן באטעריע פייערן האבן פאראורזאכט טויטפעלער, ערנסטע וואונדן און שווערע שאדן צו פארמעגן אין ניו יארק סיטי. רוב פייערן הויבן זיך אן ווען מענטשן נוצן נישט סערטיפייד, געשעדיגטע אדער אומלעגאל ארומגעשפילטע באטעריעס פאר אפאראטן ווי עלעקטרישע ביציקלעך און עלעקטרישע סקוטערס. אבער אפילו סערטיפייד באטעריעס קענען שנעלערהייט ווערן סכנות'דיג אויב זיי ווערן נישט גענוצט אדער ריטשאַרדזשט די ריכטיגע וועג.

### ווען איר זאלט רופן 911 איבער א ליטיום-אייאָן באטעריע?

- רופט 911 אויב איר באמערקט סיי וועלכע שמעקן, ענדערונגען אין פארעם אדער קאליר, ליעקס אדער אומנארמאלע גערוישן.
- רופט 911 אויב אייער באטעריע האט זעהבארע שאדן אדער איז פארראכטן געווארן דורך אן אומקוואליפיצירטער מענטש.

### וואס נאך קענט איר טוהן אין פאל פון עמערדזשענסיס?

- הערט באלד אויף נוצן די באטעריע.
- אויב עס איז זיכער אזוי צו טוהן, נעמט ארויס די באטעריע אינדרויסן אדער רוקט אוועק די באטעריע פון סיי וועלכע זאך וואס קען כאפן פייער.

## שטעלט נישט אייער היים אין סכנה פון פייער.

- קויפט נישט נישט-סערטיפייד אדער אומלעגאלע ליטיום-אײאָן באטעריעס אדער אזעלכע וואס ווערן געמאכט נישט דורך די אריגינעלע פירמע.
- פרובירט נישט צו בויען, זיך ארומשפילן מיט- אדער פארריכטן ליטיום-אײאָן באטעריעס.
- ריטשאַרדזשט נישט א ליטיום-אײאָן באטעריע מיט אן עקסטענטשען ווייער אדער אן אדעפּטער וואס צוטיילט איין פלאג אויף עטליכע.
- האלט נישט געשעדיגטע באטעריעס אדער אזעלכע וועלכע זענען נאענט צו אפלויפן אין אייער אפארטמענט .
- ריטשאַרדזשט נישט אייער ליטיום-אײאָן באטעריע נעבן אן אפארטמענט טיר אדער פענסטער וויל א פייער קען בלאקירן אייער וועג ארויס.
- ריטשאַרדזשט נישט אן אפאראט אדער באטעריע אויף אדער נעבן אייער בעט אדער סאפע אדער נעבן פירהאנגען, פאפירן אדער סיי וועלכע אנדערע מאטעריאל וואס ברענט גרינג.
- ריטשאַרדזשט נישט אייער באטעריע איבערנאכט אדער אן אויפזיכט.

## זייט קלוג פון פאראויס מיט ליטיום-אײאָן באטעריע זיכערהייט!

- קויפט עלעקטרישע ביציקלעך, עלעקטרישע סקוּטערס און באטעריעס פון פארטרויליכע פלעצער. מאכט זיכער אז זיי זענען סערטיפייד. זוכט פאר פראדוקטן מיט UL לעיבעלס (UL 2849, 2272 אדער 2271).
- פאלגט נאך די פירמע'ס אנווייזונגען פאר פראדוקטן. נוצט די אריגינעלע באטעריע, פאווער אדעפּטער און עלעקטריציטעט דראט וואס קומען מיט די אפאראט, אדער מיט ערזאץ טיילן וואס זענען רעקאמענדירט דורך די פירמע.
- ריטשאַרדזשט אייער עלעקטרישע ביציקל, עלעקטרישע סקוּטער און באטעריעס אין א זיכערע טשארדזשינג פלאץ דעזיגנירט דערפאר דורך אייער געביידע, אויב מעגליך. פרעגט אייער געביידע אייגנטומער/מענעדזשער אדער ארבעטסגעבער אויב זיי קענען אייך צושטעלן א זיכערע פלאץ וואו צו ריטשאַרדזשן און האלטן אייער אפאראט. אויב נישט, דאן ריטשאַרדזשט און האלט קליינע באַוועגונג אפאראטן און באטעריעס אינדרויסן, אויב מעגליך. אויב איר מוזט ריטשאַרדזשן אייער באטעריע אין אייער אפארטמענט, זייט וואכזאם.
- זוכט פאר זיכערע אפציעס צו ארויסווארפן באטעריעס ווען זיי דערנענטערן זיך צו אפלויפן.

> אויב איר ערזעצט אן אלטע באטעריע, נעמט עס באלד ארויס אינדרויסן פון אייער היים, אפילו אויב עס איז נישט געשעדיגט. באשיצט זיך און אנדערע דורך קיינמאל נישט ארײנלייגן ליטיום-אײאָן באטעריעס אין אייער גארבעדזש אדער געביידע מיסט. עס איז געפערליך! באזוכט די NYC סעניטעישען דעפּארטמענט (NYC Department of Sanitation, DSNY) וועבזייטל צו זעהן וויאזוי און וואו צו זיכערערהייט ארויסווארפן אלטע באטעריעס און אפאראטן.
> [(https://www.nyc.gov/site/dsny/collection/get-rid-of/batteries.page)](https://www.nyc.gov/site/dsny/collection/get-rid-of/batteries.page)
>
> **מאכט זיכער צו קוקן אויף די DDSNY'ס וועבזייטל רעגלמעסיגערהייט פאר די לעצטע אינפארמאציע!!**

## פאר סיי וועלכע פייער אין אייער אפּארטמענט, פארמאכט שטענדיג די טיר אויף אייער וועג ארויס!

- פארמאכן די טיר הונטער אייך ווען איר עוואקוּאירט אייער אפארטמענט אין פאל פון א פייער איז קריטיש. **פארוואס?** פארמאכטע אפארטמענט און טרעפ צימער טירן העלפן האלטן רויער און פייער אינעווייניג אין די אפארטמענט און האלטן די מיטגעטיילטע קארידארן אן פלאמען, היץ און רויער פאר גענוג לאנג צו ערלויבן אנדערע צו ארויסגיין און פייערלעשער צו אריינגיין.
- אפארטמענט און טרעפ צימער טירן זאלן שטענדיג געהאלטן ווערן פארמאכט, על כל צרה שלא תבוא.
- אייער אפארטמענט געביידע דארף האבן אויפגעהאנגענע שילדן **"פארמאכט די טיר"** אויף אלע טרעפ צימער טירן אין אייער געביידע אויף די זייט פון די קארידאר.



**אין פאל פון פייער, פארמאכט אלע טירן הונטער אייך!**
**האלט פייער און רויעך ארויס פון געביידע קארידארן און טרעפ צימערן.**

**האלט אפּארטמענט און טרעפ צימער טירן פארמאכט אין אלע אנדערע צייטן. באשיצט אייערע שכנים און אייער היים!**

NYC אדמיניסטראטיווע קאוד
(Admin Code §15-135)



אין פאל פון פייער, פארמאכט אלע טירן הונטער אייך!
האלט פייער און רויעך ארויס פון געביידע קארידארן און טרעפ צימערן.

האלט אפּארטמענט און טרעפ צימער טירן פארמאכט אין אלע אנדערע צייטן. באשיצט אייערע שכנים און אייער היים!

NYC אדמיניסטראטיווע קאוד
(Admin Code §15-135)

אויב "פארמאכט די טיר" שילדן זענען נישט אויפגעהאנגען, פארבינדט זיך מיט אייער געביידע אייגנטומער אדער מענעדזשער, אדער לאזט דאס וויסן פאר די FDNY דורכן שיקן אן אימעיל צו [FDNY.BusinessSupport@fdny.nyc.gov](mailto:FDNY.BusinessSupport@fdny.nyc.gov) אדער דורכן רופן 311 (בעט צו רעדן מיט די פייער דעפארטמענט'ס קאסטומער סערוויס צענטער).

## האט איר באקומען אייער אפּארטמענט געביידע עמערדזשענסי גרייטקייט אנווייזונג ביכל און עוואקואירונג פלאנירונג טשעקליסטע?

די 2024 ניו יארק סיטי אפּארטמענט געביידע עמערדזשענסי גרייטקייט אנווייזונג ביכל אנטהאלט אינפארמאציע איבער אייער געביידע און איבער וואס צו טוהן אין דורכאויס א פייער, שטורעם, אויפרייס אדער אנדערע עמערדזשענסי. איר וועט אויך געפונען א בייהילפיגע עמערדזשענסי גרייטקייט/עוואקואירונג פלאנירונג טשעקליסטע.



ניו יארק סיטי
אפּארטמענט געביידע
עמערדזשענסי גרייטקייט אנווייזונג ביכל



געשריבן דורך די NYC פייער דעפארטמענט צו לאזן וויסן פאר אפּארטמענט געביידע איינוואוינער און איינגעשטעלטע איבער אפּארטמענט געביידע זיכערהייט און איבער וואס יעדער איינוואוינער קען טוהן זיך צו גרייטן פאר עמערדזשענסיס, צו פארמיידן פייערן און צו באשיצן זיך אליין און זייערע פאמיליעס דורכאויס א פייער אדער אנדערע סארט עמערדזשענסי.

2024



NYC אפּארטמענט געביידע
פערזענליך-צוגעפאסטע עמערדזשענסי גרייטקייט/עוואקואירונג פלאנירונג טשעקליסטע

**שטאפל 1: לערנט איבער עמערדזשענסי גרייטקייט**

- לייענט די FDNY-פארעפנטליכטע **NYC אפּארטמענט געביידע עמערדזשענסי גרייטקייט אנווייזונג ביכל** צו לערנען איבער פייערן און אנדערע סארטן עמערדזשענסיס און וויאזוי זיך צו גרייטן פאר זיי. איר דארפט צו באקומען די אנווייזונג ביכל פון דעם געביידע אייגנטומער/מענעדזשער ביים אונטערשרייבן די ליעס און איינמאל יעדע 3 יאר. און עס איז אויך פארעפנטליכט אויף די FDNY וועבזייטל (http://www1.nyc.gov/site/fdny/codes/fire-department-rules/fire-dept-rules.page).
- קוקט איבער די געביידע אינפארמאציע בלאט וואס איר באקומט צוזאמען מיט די אנווייזונג ביכל פאר אינפארמאציע איבער אייער געביידע'ס קאנסטרוקציע און פייער שוץ סיסטעמען און ארויסגאנג, און אזוי אויך די פייער זיכערהייט איינמעלדונג וואס דער געביידע אייגנטומער/מענעדזשער איז פארלאנגט צו אויפהענגען אויף אייער אפּארטמענט אריינגאנג טיר.
- שרייבט זיך איין פאר עמערדזשענסי אלערטס אויף NYC.gov/notifynyc אדער דאַונלאָודט די עפּ פאר Apple/Android באניצער.

**שטאפל 2: גרייט אן אייער עוואקואירונג פלאן**

- פילט אויס די טשעקליסטע אונטן צו אויפקומען מיט א פערזענליך צוגעפאסטע עוואקואירונג פלאן פאר אייך און אייער פאמיליע.
- די טשעקליסטע רעקאמענדירט מאסנאמען וואס איר קענט אונטערנעמען בעפאר א סכנה געשעהט זיך צו גרייטן צו עוואקואירן אייער געביידע אין פאל פון עמערדזשענסי.
- אויב איר לערנט איבער עמערדזשענסי גרייטקייט און פארענדיגט אן עוואקואירונג פלאן, וועט איר זיין גרייט צו מאכן א קלוגע באשלוס איבער וויאזוי עס איז די בעסטע זיך צו אויפפירן אין פאל פון עמערדזשענסי.

**A. זייט באקאנט מיט אייער געביידע** - *זעהט טיילן 5 און 6 פון די אנווייזונג ביכל און אייער געביידע אינפארמאציע בלאט*

**געביידע קאנסטרוקציע**

- ☐ מאטעריאל וואס ברענט נישט גרינג/פייער-פרוף
- ☐ מאטעריאל וואס ברענט גרינג/נישט פייער-פרוף (*מאכט א טשעק אויף אלע וואס זענען נוגע*):
  - ☐ מיין פייער עסקעיפ פענסטער עפנט זיך גרינגערהייט
  - ☐ מיין פייער עסקעיפ פענסטער איז נישט פארשטעלט פון אינעווייניג און פון אינדרויסן

**ברעגע שטורעם עוואקואירונג זאנע**

*געפונט אייער זאנע אויף "NYC.gov/KnowYourZone" אדער רופט 311 (212-639-9675 פאר שטום לשון דורך ווידעאו)*

- ☐ מיין אפּארטמענט געביידע געפונט זיך נישט אין א ברעגע שטורעם עוואקואירונג זאנע
- ☐ מיין אפּארטמענט געביידע געפונט זיך אין ברעגע שטורעם עוואקואירונג זאנע נומער ______

וואו וועל איך איינשטיין אויב איך ווער עוואקואירט?

☐ פאמיליע ☐ פריינט ☐ קאלעגע ☐ האטעל

קענט איר מיטברענגען אייער שטוב חיה?

☐ יא ☐ ניין

*אויב איר דארפט א פלאץ צו איינשטיין פאר אייך (און אייער שטוב חיה) אין צייט פון א ברעגע שטורעם עוואקואירונג, רופט 311 פאר די לאקאציע פון די נאענסטע סיטי עוואקואירונג צענטער*

---

## צי האט איר א פייער זיכערהייט איינמעלדונג אויף אייער אפּארטמענט טיר?

אייער ניו יארק סיטי אפּארטמענט מוז האבן איינס פון די פייער זיכערהייט איינמעלדונגען אויף די אינעווייניגע זייט פון די הויפט אריינגאנג טיר. די איינמעלדונג אנטהאלט פאטענציאל לעבנס-ראטעווענדע אנווייזונגען איבער וואס צו טוהן אין פאל פון א פייער, געווענדן אויף די סארט געביידע קאנסטרוקציע און אויף די לאקאציע פון די פייער.

| "איר געפונט זיך אין א געביידע פון מאטעריאל וואס ברענט גרינג (נישט פייער-פרוף)." | אדער | "איר געפונט זיך אין א געביידע פון מאטעריאל וואס ברענט נישט גרינג (פייער-פרוף)." |
|---|---|---|
| **פייער זיכערהייט איינמעלדונג**<br><br>**אין פאל פון א פייער, האלט זיך רואיג. רופט די פייער דעפארטמענט און פאלגט אויס די אנווייזונגען פון פייער דעפארטמענט מאנשאפט מיטגלידער. אויב איר מוזט נעמען באלדיגע שריט, נוצט אייער שיקול הדעת איבער וויאזוי עס איז דאס בעסטע זיך אויפצופירן, אינזין האבנדיג די פאלגנדע אינפארמאציע:**<br><br>איר געפונט זיך אין א געביידע פון מאטעריאל וואס ברענט גרינג (נישט פייער-פרוף)<br><br>**<u>אויב די פייער איז אין אייער אפּארטמענט</u>**<br><br>• פארמאכט די טיר צו די צימער וואו די פייער איז און פארלאזט די אפּארטמענט. | | **פייער זיכערהייט איינמעלדונג**<br><br>**אין פאל פון א פייער, האלט זיך רואיג. רופט די פייער דעפארטמענט און פאלגט אויס די אנווייזונגען פון פייער דעפארטמענט מאנשאפט מיטגלידער. אויב איר מוזט נעמען באלדיגע שריט, נוצט אייער שיקול הדעת איבער וויאזוי עס איז דאס בעסטע זיך אויפצופירן, אינזין האבנדיג די פאלגנדע אינפארמאציע:**<br><br>איר געפונט זיך אין א געביידע פון מאטעריאל וואס ברענט נישט גרינג (פייער-פרוף)<br><br>**<u>אויב די פייער איז אין אייער אפּארטמענט</u>**<br><br>• פארמאכט די טיר צו די צימער וואו די פייער איז און פארלאזט די אפּארטמענט. |

אייער געביידע אייגנטומער אדער מענעדזשער מוז אייך צושטעלן די גרייטקייט אנווייזונג ביכל און די ריכטיגע פייער זיכערהייט איינמעלדונג. אויב איר האט נישט די פייער זיכערהייט איינמעלדונג אויף די אינעווייניגע זייט פון אייער אפּארטמענט טיר, פארבינדט זיך מיט אייער געביידע אייגנטומער/מענעדזשער אדער מיט די FDNY (FDNY.BusinessSupport@fdny.nyc.gov אדער רופט 311).

# אקטיווע שיסער עמערדזשענסיס

אויב איר זענט נעבן אן אקטיווער שיסער אדער געוואלדטעטיגער אטאקירער, רעקאמענדירט די ניו יארק סיטי פאליצײי דעפארטמענט (New York City Police Department, NYPD) פאר ציווילע מענטשן צו נאכפאלגן אן **"אנטלויף, באהאלט זיך, געשלעג"** סטראטעגיע. רופט 911 ווען עס איז זיכער אזוי צו טוהן. בלייבט וואכזאם און זייט גרייט זיך צו באשיצן בשעת'ן נאכפאלגן די זיכערהייט שריט אונטן.

## אנטלויף



- פארלאזט באלד די געביידע אויב איר קענט אזוי טוהן זיכערערהייט.
- נעמט נישט מיט סיי וועלכע פערזענליכע חפצים מיט זיך.
- האלט זיך צוריק פון נוצן עלעוועיטארס און עסקעלעיטארס אויב מעגליך. נוצט די טרעפ.
- ווען איר נוצט די טרעפ, האלט זיך נאענט צו די וואנט כדי רעטונג מאנשאפטן זאלן זיך קענען אריבערדרוקן שנעלערהייט.

## באהאלט זיך



- אויב איר קענט נישט זיכערערהייט פארלאזן די פלאץ, דאן גייט אריין אין אן אפארטמענט אדער אנדערע צימער און פארמאכט די טיר און פארשפארט עס אויב מעגליך.
- בלאקירט די טיר מיט גרויסע, שווערע חפצים און מעבל דאס צו שווער מאכן פאר אן אטאקירער אריינצוקומען. איר קענט נוצן סאפעס, טישן, בענקלער, שאפעס, א.ד.ג.
- באהאלט זיך הונטער א גרויסע, שטארקע זאך, אויב מעגליך, און פרובירט זיך צו אראפבייגן נידעריג כדי צו אויסמיידן סיי וועלכע געשאסענע קוילן.
- באוועגט זיך נישט און האלט זיך שטיל. לעשט אויס די לעקטער און סיי וועלכע מקור פון גערויש. לייגט אייער טעלעפאן און אנדערע אפאראטן אויף 'סיילענט', נישט 'ווייברעיט'.
- זוכט פאר חפצים וואס איר קענט נוצן אלס פראוויזארישע וואפנס (ווי צום ביישפיל א שערל, מאנטל אויפהענגען שטאנג, טיש אדער בענקל פיסל, א.ד.ג.).

## געשלעג



- אלס א לעצטע ברירה, פארטיידיגט זיך אויב אייער לעבן איז אין באלדיגע געפאר און איר קענט נישט אנטלויפן אדער זיך באהאלטן.
- נעמט דירעקטע שריט קעגן דעם אטאקירער.
- פרובירט זיך צו שטארקן איבער דעם אטאקירער דורכן זיי איבערראשן פלוצלינג, מיט שנעלקייט און כוח אין די ווילדסטע אופן וואס איז נאר מעגליך. באנוצט זיך מיט פראוויזארישע וואפנס אויב איר קענט.
- אויב איר זענט מיט אנדערע מענטשן, פרובירט צו ארבעטן צוזאמען זיך צו שטארקן איבער דעם אטאקירער.

אויב איר טרעפט זיך אן מיט געזעץ אינפארסירונג שטאב מיטגלידער דורכאויס די אינצידענט, געדענקט אז אפרופנדע אפיצירן וועלן זיין קאנצענטרירט אויף אייערע הענט. <u>האלט אייערע הענט ארויס, אפן, העכער אייער קאפ, און וויכטיגער פון אלעם — ליידיג.</u>

NYC עמערדזשענסי מענעדזשמענט (Emergency Management) גיבט נאך טיפס און אינפארמאציע פאר אלע סארטן עמערדזשענסיס. "וויאזוי צו איבערלעבן אן אקטיווער שיסער?" איז פארעפנטליכט אויף [https://plannownyc.cityofnewyork.us/active-shooter/](https://plannownyc.cityofnewyork.us/active-shooter/).